בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ אידיש ~

קונטרס י"ז, פרשת מטו"מ - דברים, תשע"ח

# תוכן השיעור

## "ביני לבין משיח"...

## "תורתי אל תעזובו"!

## העיקר הוא 'ישוב הדעת'!

## יפוצו 'מעינותיך' חוצה!

## "וזה בחינת העלמה"!

## "לגלות הסגולה לעם סגולה"!

## 'נקודת החבר'

להאזין אל כל השיחות ש"ל על ידינו
**(+1)-641-715-3800 ואחר כך #718920**
לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש **117**

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**
יוסף מענדל האס
מאנסי, נוא יארק
**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)

**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;
**Rlyb148@gmail.com**

מופץ ע"י ברסלב גלובל **Info@Breslevglobal.com**

# דרשה אצל כינוס אנשי שלומינו

## להתחזק יחד להרבות פעלים בענין להפיץ אור של רבינו ז"ל

## - שנת תשל"ח -

## "ביני לבין משיח"...

די משנה זאגט אין אבות;[א] כל כנסיה שהוא לשם שמים סופה להתקיים! אוודאי, די 'כנסיה' איז אוודאי פון אלעמען לשם שמים, קיינער האט נישט קיין שום פניות, קיין שום אנדערע געדאנקן פארוואס ס'איז געווארן די 'כנסיה' נאר לשם שמים, וועט דאס אוודאי זיין 'סופה להתקיים'!

ברוך השם, מיר האבן דאך אלע אמונה אינעם רבי'ן, מיר גלייבן אז השי"ת האט אראפגעשיקט דעם רבי'ן - נישט נאר אויף 'לדורו', נישט נאר אז דער רבי זאל מחיה זיין די מענטשן בדורו, נאר 'דורות אחרים' אויך!

אז דער רבי האט געזאגט; אנדערע צדיקים האבן געטוהן, לאחר הסתלקותם זענען זיי נסתלק געווארן[ב] (רצ"ל נפסק הענין שלהם), ס'איז געבליבן דארטן א 'רשימו' פון זייער הייליגע ספרים, אבער פונעם רבי'ן - - - דער רבי האט מפקיר געווען זיין אשת נעורים, ער האט מפקיר געווען זיינע טייערע זיהן וואס ער האט געהאט[ג] - זיי

---

[א] פרק ד' משנה י"ז.

[ב] עי' חיי מוהר"ן אות של"ג: אָמַר, הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב ז"ל וְכַמָּה צַדִּיקִים עָשׂוּ וְתִקְּנוּ בָּעוֹלָם מַה שֶּׁתִּקְּנוּ, וְאַחַר־כָּךְ כְּשֶׁנִּפְטְרוּ וְנִסְתַּלְּקוּ נִפְסַק הַדָּבָר, הַיְנוּ הַהֶאָרָה שֶׁהֵאִירוּ בְּתַלְמִידֵיהֶם וְהֶחֱזִירוּם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לֹא נִמְשַׁךְ מִדּוֹר לְדוֹר, רַק נִפְסַק, עַל־כֵּן צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת דָּבָר שֶׁיִּהְיֶה לוֹ קִיּוּם לָעַד. וְכֵן דִּבֵּר עוֹד פַּעַם אַחַת שֶׁצְּרִיכִין לְהַשְׁאִיר תַּלְמִידִים שֶׁאֵלּוּ הַתַּלְמִידִים יַעֲשׂוּ תַּלְמִידִים אֲחֵרִים, וְכֵן הַתַּלְמִידֵי תַלְמִידִים יָאִירוּ לְהַלָּן יוֹתֵר וְיוֹתֵר וְכֵן לְדוֹרֵי דוֹרוֹת.

[ג] עי' חיי מוהר"ן אות קס"ט וקע"ז וימי מוהרנ"ת אות י"א בענין הספר הנורא שנשרף. ועי' במכתב רביז"ל שכתב לאנ"ש מעיר זסלב בשנת תקס"ז, נדפס בריש עלים לתרופה; ... בְּכֵן שְׁאֵלָתִי וּבַקָּשָׁתִי מִכֶּם שֶׁלֹּא יִהְיֶה לָרִיק יְגִיעִי שֶׁיָּגַעְתִּי עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד, וְשַׂמְתִּי אֶת נַפְשִׁי בְּכַפִּי בִּשְׁבִיל טוֹבַת נַפְשְׁכֶם, ה' הַצַּדִּיק וַאֲנִי הִרְשַׁעְתִּי, וּמַעֲשַׂי גָּרְמוּ לִי הַיִּסּוּרִים וּמִיתַת הַבָּנִים הַמְסֻלָּאִים, וְהַמַּחֲלֹקֶת וְהַקִּטְרוּגִים, אַף עַל פִּי כֵן יָדַעְתִּי גַּם יָדַעְתִּי שֶׁגַּם הָעֵסֶק שֶׁעָסַקְתִּי עִמָּכֶם לְהוֹצִיא אֶתְכֶם מִשִּׁנֵּי הס"מ, עַל כָּל אֵלֶּה עֵינָיו לָטַשׁ וְשִׁנָּיו חָרַק עָלַי. וּבְכֵן אֲהוּבַי אַחַי וְרֵעַי,

זענען נפטר געווארן, און זיך אליינס - ער איז נסתלק געווארן אזוי יונג, אלעם כדי ס'זאל בלייבן פונעם רבי'ן א השארה, נישט נאר בדורו, נאר אויף דורי דורות, עד משיח צדקינו, און ווייטער אויך!!!

דער רבי האט געזאגט; "פון מיר ביז משיח וועט נישט זיין קיין נייעס"! די עצות וואס דער רבי גיבט - וואס מען וועט ווייטער רעדן - די עצות וועט געבן משיח צדקינו אויך! "נאר איהם וועט מען פאלגן, און מיר וויל מען נישט פאלגן"![ד]

*

# "תורתי אל תעזובו"!

די משנה זאגט אין אבות[ה]; "חיבה יתירה נודעת להם שניתן להם כלי חמדה - שנאמר כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו"! די ספרים ברענגען; דאס איז אזוי ווי דער אויבערשטער איז זיך מכניע צו אונז, ער בעהט זיך ביי אונז; 'איך האב אייך געגעבן א לקח טוב, פארלאזט נישט מיין תורה'! אזוי ווי איינער בעהט זיך ביי זיי 'תורתי על תעזובו' - פארלאזט נישט מיין תורה, ס'איז א לקח טוב!

דער מדרש ברענגט;[ו] אז איינער פארקויפט א זאך, דער 'מוכר' איז 'עצוב' - דער מוכר איז טרויעריג, און דער 'לוקח' איז פריילעך, דער מוכר איז טרויעריג אז ער האט אוועקגעגעבן א זאך, ער האט שוין דער זאך נישט, אבער דער לוקח איז 'שמח', ער האט דאך באקומען א נייע זאך! און דער מוכר קוקט ארוים אפשר וועט

---

חִזְקוּ וְאִמְצוּ בְּיִרְאַת ה', כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי כֹּחוֹ וּבְחִינָתוֹ, וְלֹא יִהְיֶה לָרִיק יְגִיעִי, וְשִׁמְרוּ תּוֹרַת מֹשֶׁה עֶבֶד ה' כַּאֲשֶׁר לִמַּדְתִּי אֶתְכֶם. וְתֵדְעוּ שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁאֲנִי רָחוֹק עַכְשָׁיו מִכֶּם, אֵין זֶה כִּי אִם רִחוּק הַגּוּפוֹת, וְאֵין רִחוּק ח"ו בְּנַפְשׁוֹתֵינוּ כִּי קְרוֹבִים אֲנַחְנוּ. אֲהוּבַי אַחַי וְרֵעַי! נָא וְנָא, שֶׁיִּהְיוּ דְּבָרַי אֵלֶּה אֲשֶׁר הִתְחַנַּנְתִּי קְרוֹבִים אֲלֵיכֶם יוֹמָם וָלַיְלָה ...

ועי' גם חיי מוהר"ן אות של"ה; ... פַּעַם אַחַת דִּבֵּר רַבֵּנוּ ז"ל עִם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ וְאָמַר לָהֶם, הֲלֹא כָּל הַנַּחַת רוּחַ וְהַתַּעֲנוּג שֶׁלִּי הוּא רַק כְּשֶׁאֲנִי רוֹאֶה אֵיזֶה דִּבְרֵי יַהֲדוּת וַעֲבוֹדַת ה' בְּאֶחָד מֵאֲנָשַׁי, הֲלֹא הִפְקַרְתִּי אֶת עַצְמִי וְאִשְׁתִּי וּבָנַי הַיְקָרִים, וְרַק בִּשְׁבִיל זֶה ... בַּקָּשָׁתִי מְאֹד מִכֶּם הֱיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים כִּי זֶה כָּל יִשְׁעִי וְכָל חֶפְצִי ...

[ד] עי' חיי מוהר"ן אות רס"ו: אָמַר כָּל מַה שֶּׁמָּשִׁיחַ יַעֲשֶׂה טוֹבוֹת לְיִשְׂרָאֵל אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת, רַק שֶׁהַחִלּוּק הִיא, שֶׁמָּשִׁיחַ יִגְזֹר אֹמֶר וְיָקוּם אֲבָל אֲנִי - וּפָסַק וְלֹא דִּבֵּר יוֹתֵר. נֹסַח אַחֵר, אֲבָל אֲנִי אֵינִי יָכוֹל לִגְמֹר עֲדַיִן.

[ה] פרק ג' משנה י"ד.

[ו] ברכות דף ה' ע"א.

ער קענען באקומען די זאך קריק, ער וועט ווערן פארמעגליך וועט ער צוריק קויפן די זאך!

אבער ביי די תורה הקדושה איז נישט אזוי, דער אויבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, ער האט עס אונז געגעבן, 'אוועקגעגעבן', מיר האבן גענומען די תורה, איז דער אויבערשטער אליין אויך פריילעך וואס ער האט אונז געגעבן, ער וויל נישט נעמען די תורה ביי אונז צוריק! אדרבה, ער בעהט זיך ביי אונז 'תורתי אל תעזובו' - פארלאזט נישט מיין תורה!

*

דער רבי ברענגט,[ז] אז "אורייתא שמא דקודשא בריך הוא", אז מען איז פוגם אין די תורה - איז מען פוגם אין השי"ת! פארלאזט מען דעם אויבערשטן אליין! "תורתי אל תעזובו" - דאס איז מיין תורה, דאס בין איך אליין! די תורה מיט'ן אויבערשטן דאס איז איין זאך!

ווערט געבראכט, אז נישט נאר די תורה הקדושה מיינט דער אויבערשטער 'בכלל די תורה' - זאלט איר נישט פארלאזן, נאר יעדע מצוה פון די תורה, יעדע פרט אין די תורה, גייט "תורתי אל תעזובו"! אויב ס'זאל חלילה פעהלן אן אות אין די תורה - איז דער פשט "תורתי אל תעזובו", די תורה זאל זיין ביי דיר גאנץ, אפילו א מצוה פון דברי חכמים, זאל מען נישט פארפעהלן קיין שום זאך! - דאס הייסט "תורתי אל תעזובו"!

דאס איינינגע איז ביים אמת'ן צדיק אויך, דער רבי זאגט אונז אויך - ער איז זייער משבח זיינע תורות מיט געוואלדיגע שבחים - איז דער רבי דאס משבח, ער וויל אז "יעדער איינער זאל האבן זיין ספר ביי זיך אין שטוב"! "מיין ספר וועט טרענען די אדערן"![ח] דער רבי אליין איז משבח און זאגט אונז אויך די ווערטער; "איך האב אייך געגעבן א לקח טוב, תורתי אל תעזובו - פארלאזט נישט מיין תורה"!!

*

[ז] ליקוטי מוהר"ן תו' נ"ו אות ג'.

[ח] חיי מוהר"ן אות שמ"ט.

# העיקר הוא 'ישוב הדעת'!

ביים רבי'ן איז געווען דער ענין פון 'תורה' מיט 'תפילה', "מאכן פון די תורות תפילות"! האט דער רבי געזאגט.[ט]

ברענגט טאקע רבי אברהם ר' נחמן'ס[י] - "חכמתו מרובה ממעשיו"[יא] - מיינט מען 'תורה אהן תפילה', "מעשיו מרובה מחכמתו" - מיינט מען 'תורה מיט תפילה'! ווערט ער ניצול פון דעם עונש פון "רוח בא ועוקרתו"! ס'איז דאך אַן עונש - טאמער 'חכמתו מרובה ממעשיו', איז דאס א בוים אהן א שורש, קומט א ווינטל און רייסט איהם אויס! אבער אז מען מאכט פון תורות תפילות, ער בעהט דעם אויבערשטן ער זאל מקיים זיין וואס ער לערנט, איז עם די 'מעשיו' גייט צו צו די 'חכמה' (- מעשיו מרובה מחכמתו), און ער ווערט ניצול פון דעם עונש פון 'רוח בא ועוקרתו'!

*

דאס א ידוע'דיגע זאך, וואס דער רבי וויל פון אונז, דער עיקר יסוד פונעם רבי'ן איז געווען, דער ענין פון 'ישוב הדעת'![יב] דאס איז דער כלל פון דעם גאנצן ליקוטי

---

[ט] ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' כ"ה.

[י] עי' גם ליקוטי הלכות ראש חודש ה' אות כ"א; ... חַמָּה הִיא בְּחִינַת הַתּוֹרָה, וְצֵל הוּא בְּחִינַת הַתְּפִלָּה, וְסֻכָּה הִיא מְעֹרֶבֶת מֵחַמָּה וָצֵל, הַיְנוּ מִתּוֹרָה וּתְפִלָּה, אֲבָל הַצֵּל צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה מְרֻבֶּה, כִּי הָעִקָּר הוּא הַתְּפִלָּה שֶׁמִּתְפַּלְּלִין עַל קִיּוּם הַתּוֹרָה, וּתְפִלָּה כָּזֹאת הִיא בְּחִינַת מַעֲשֶׂה, בְּחִינַת קִיּוּם הַתּוֹרָה מַמָּשׁ, עַל־כֵּן הִיא הָעִקָּר, כִּי צָרִיךְ שֶׁיִּהְיוּ מַעֲשָׂיו מְרֻבִּין מֵחָכְמָתוֹ, שֶׁזֶּה בְּחִינַת צִלָּתָהּ מְרֻבָּה מֵחַמָּתָהּ כנ"ל... (מלשון אוצר היראה - סוכות אות נ"ט). עי' עוד שיחות וסיפורים אות א'.

[יא] אבות פרק ג' משנה י"ז.

[יב] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' י'; מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן. וְהָעִקָּר לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב, מָה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף, הֵן תַּאֲווֹת שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד, וְאָז בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה'.

ובשיחות הר"ן אות מ"ז; צָרִיךְ לָזֶה זְכִיָּה גְּדוֹלָה שֶׁיִּזְכֶּה לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ שָׁעָה אַחַת בַּיּוֹם וְשֶׁיִּהְיֶה לוֹ חֲרָטָה עַל מַה שֶּׁצְּרִיכִין לְהִתְחָרֵט, כִּי לָאו כָּל אֶחָד זוֹכֶה לְיַשֵּׁב הַדַּעַת אֵיזֶה שָׁעָה בַּיּוֹם, כִּי הַיּוֹם הוֹלֵךְ וְחוֹלֵף וְעוֹבֵר אֶצְלוֹ וְאֵין לוֹ פְּנַאי לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ אֲפִלּוּ פַּעַם אַחַת כָּל יְמֵי חַיָּיו. עַל־כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר לִרְאוֹת לְיַחֵד לוֹ פְּנַאי לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב עַל כָּל מַעֲשָׂיו אֲשֶׁר הוּא עוֹשֶׂה בָּעוֹלָם אִם כָּךְ הוּא רָאוּי לוֹ לְבַלּוֹת יָמָיו בְּמַעֲשִׂים כָּאֵלּוּ. וּמֵחֲמַת שֶׁאֵין הָאָדָם מְיַשֵּׁב עַצְמוֹ וְאֵין לוֹ דַּעַת, וַאֲפִלּוּ אִם יֵשׁ לוֹ לִפְעָמִים אֵיזֶה יִשּׁוּב הַדַּעַת, אֵין הַדַּעַת הַמְיֻשָּׁב מַאֲרִיךְ זְמַן

מוהר"ן! יעדער תורה דארף האבן דעם 'ישוב הדעת' - זיך מיישב זיין פאר'ן אויבערשטן, בעהטן דעם אויבערשטן אז מען זאל זיך נישט אפ'נער'ן!!!

דער רבי האט געזאגט אז "די וועלט נער'ט"![יג] מיינט דער רבי נאר אז די 'וועלט אליין' - נער'ט אפ, אבער אז איך א התקשרות צו די 'עלמא דאתי', איז שוין נישט 'די וועלט אליין'!

די וועלט אליין - אויב איך האב נאר אינזין די וועלט אליין, נער'ט עס אפ גאר, אבער אז איך טראכט אבער פון 'עלמא דאתי' - - זאגט דער רבי אין תורה נ"ד;[יד] "מען דארף זייער היטן דעם זכרון פונעם עלמא דאתי" - איז דאך נישט ביי מיר 'די וועלט אליין', בין איך דאך נישט אין 'די וועלט אליין', האב איך דאך א התקשרות צום 'עלמא דאתי' - דעמאלטס קען מען שוין זיין, אז מען זאל זיך נישט לאזן זיך נער'ן!

*

## יפוצו 'מעינותיך' חוצה!

אבער נאך א זאך וויל דער רבי פון אונז, דער רבי דערציילט א מעשה פון דעם חיגר,[טו] ביי דעם אנהייב רעדט דער רבי; "ס'איז געווען א חכם, פאר זיין הסתלקות האט ער צוגערופן זיינע קינדער, און ער האט זיי געזאגט, איך לאז אייך צוואה, אייער זאך זאל זיין אנטרענקעןביימער! איר מעגט עוסק זיין אין אנדערע פרנסות אויך, נאר דאס זאלט איר טוהן תמיד 'אנטרענקען ביימער'!

ווייסט מען אז וואס הייסט 'אנטרענקען ביימער' - מיינט מען 'מקרב זיין אידן צום אויבערשטן'!!!

---

אֶצְלוֹ וְתֵכֶף וּמִיָּד חוֹלֵף וְעוֹבֵר הַדַּעַת מִמֶּנּוּ וְגַם אוֹתוֹ הַמְּעַט הַדַּעַת שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵינוֹ חָזָק וְתַקִּיף אֶצְלוֹ. מֵחֲמַת זֶה אֵין מְבִינִים שְׁטוּת הָעוֹלָם הַזֶּה, אֲבָל אִם הָיָה לְהָאָדָם שֵׂכֶל מְיֻשָּׁב חָזָק וְתַקִּיף הָיָה מֵבִין שֶׁהַכֹּל שְׁטוּת וָהֶבֶל...

[יג] שיחות הר"ן אות נ"א; ... אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אוֹתוֹ הָעוֹלָם...

[יד] ז"ל שם בלקו"מ תו' נ"ד אות א'; ... כִּי צְרִיכִין לִשְׁמֹר מְאֹד אֶת הַזִּכָּרוֹן, שֶׁלֹּא יִפֹּל לְשִׁכְחָה, בִּבְחִינַת מִיתַת הַלֵּב. וְעִקַּר הַזִּכָּרוֹן הוּא לִזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי...

[טו] ספר סיפורי מעשיות, מעשה ג'.

דער רבי ברענגט אין תורה ס"ב,[טז] 'הלוך ונסוע הנגבה' - זאגט דער רבי - 'ללחלח הנגיבה'! דאס איז אברהם אבינו'ס זאך, ער איז דאך 'מימי החסדים', ער איז דאך 'מים', ער איז געגאנגען נאר 'הנגבה', דארטן וואו ס'איז טרוקן, זאל ער מאכן פייכט 'ללחלח הנגיבה'.

דאס איז דעם רבי'נס זאך! דער רבי גיבט דען חלילה א אנדערע תורה?! דער רבי וויל נאר, ס'זאל זיין מיט א געשמאקקייט, מיט א 'לחלוחית', 'ללחלח הנגיבה'! דאס איז אינגאנצן דער גאנג פון אברהם אבינו געווען - 'ללחלח הנגיבה', דאס הייסט 'אנטרענקען ביימער', ס'זאל נישט זיין פארטרוקנט!

*

דארטן טאקע (בהמעשה מהחיגר) פלעגן אונזערע לייט מדייק זיין, דער רבי זאגט; 'איר מעגט האבן אנדערע פרנסות אויך, נאר דאס זאל זיין תמיד' - אז דאס זאל זיין 'תמיד', ווי איז דא צייט אויף אנדערע פרנסות אויך?! אויב נאר 'אנטרענקען ביימער', ווי קען זיין איך זאל האבן אנדערע פרנסות?! האט ער דאך נישט קיין צייט צו מאכן אנדערע פרנסות אויך?!

פלעגט מען אזוי לערנען; וואס מיינט אנדערע 'פרנסות'? די עבודות, 'תורה', 'תפילה', 'חצות', 'התבודדות'! בשעת ער טוהט עפעס אן אנדערע עבודה, ער איז זיך מחיה מיט דער עבודה, זאל ער באלד האבן א געדאנק; "דאס דארף מען מחיה זיין א צווייטן אויך"!!!

דער איבערשטער העלפט איהם, ער האט עפעס א געשמאקקייט אין דאווענען, ער האט אמאל א התבודדות, ער רעדט זיך אויס - 'א מחיה'! דארף ער שוין מקיים זיין "אל תמנע טוב מבעליו"![יז] 'גיב שוין', רעדט מיט אנדערע אויך דאס אייניגע!

---

[טז] וז"ל שם; ... "וַיֵּרֶד אַבְרָהָם מִצְרָיְמָה", הַיְנוּ הוֹרָדוֹת מֵימֵי הַחֲסָדִים לְלַחְלֵחַ מֵצַר הַגָּרוֹן, לְהוֹצִיא אֶת הַגָּרוֹן מִבְּחִינַת "נִחַר גְּרוֹנִי", בִּבְחִינַת "הָלוֹךְ וְנָסוֹעַ הַנֶּגְבָּה", לְלַחְלֵחַ הַנְּגִיבָה, לְהִתְקַיֵּם (יְשַׁעְיָה נ"ח): "קְרָא בְגָרוֹן אַל תַּחְשֹׂךְ" ...

[יז] משלי ג' כ"ז.

**אה! דער דאווענען - דער רבי זאגט אין תורה ט';[יח] 'דער עיקר חיות איז מען מקבל פון תפילה' - דער עיקר חיות - 'דארף מען אריינלייגן כל כוחו באותיות התפילה'!**

**קומט אוים אז ס'איזביידע צוזאמען, אפילו בשעת ער איז עוסק אין 'אנדערע פרנסות', האט ער אויך אינזין 'אנטערענקען די ביימער'! דאס איז ער 'תמיד', ער רייסט זיך נישט אפ פון דער זאך! ער ווייסט שוין, דער אויבערשטער האט איהם געגעבן א זאך, דארף איך שוין געבן א צווייטן אויך דאס דאזיגע זאך, נישט אליין נעמען די זאך פאר זיך!**

*

# "וזה בחינת העלמה"!

**דער רבי זאגט אין די תורה ס"ז אין דעם אנדערן חלק, רעדט דער רבי דארטן פון דער 'העלמת הצדיק', דער צדיק איז נעלם![יט]**

**דער רבי רעדט דארטן אז 'רחל מבכה על בניה מאנה להינחם על בניה כי איננו', זאגט דער רבי דארט, 'כי איננו על מקומם'[כ] - זיי זענען נישט אויף זייער ארט! יעדער איינער - די שכינה הקדושה קלאגט, וואס דער גלות איז גורם, יעדער**

---

[יח] תו' ט' בתחילתו; ... כִּי עִקַּר הַחִיּוּת מְקַבְּלִין מֵהַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים מ"ב) תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי. וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ, כִּי כְּשֶׁמִּתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ וּמַכְנִיס כֹּחוֹ בְּאוֹתִיּוֹת הַתְּפִלָּה, אֲזַי נִתְחַדֵּשׁ כֹּחוֹ שָׁם...

[יט] וז"ל שם; ... וְזֶה בְּחִינַת הַהַעֲלָמָה, שֶׁנִּתְעַלֵּם הַיֹּפִי וְהַפְּאֵר שֶׁל כָּל הָעוֹלָם. כִּי יֵשׁ צַדִּיק, שֶׁהוּא הַיֹּפִי וְהַפְּאֵר וְהַחֵן שֶׁל כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, בִּבְחִינַת "וַיְהִי יוֹסֵף יְפֵה-תֹאַר וִיפֵה-מַרְאֶה", בְּחִינַת "יְפֵה נוֹף מְשׂוֹשׂ כָּל הָאָרֶץ" כִּי זֶה הַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי שֶׁהוּא בְּחִינַת יוֹסֵף, הוּא הַהִדּוּר וְהַיֹּפִי שֶׁל כָּל הָעוֹלָם...

ועי' חיי מוהר"ן אות ק"מ; ... אֵין לָנוּ כֵּלִים וְדִבּוּרִים לְכַנּוֹת בָּהֶם עֹצֶם הַשָּׂגָתוֹ וּמַעֲלָתוֹ, כִּי רַבֵּנוּ ז"ל הָיָה חִדּוּשׁ מֻפְלָג מְאֹד אֲשֶׁר לֹא הָיָה חִדּוּשׁ כָּזֶה אֲפִלּוּ בדורות הַקּוֹדְמִים, וְאָמַר בְּפֵרוּשׁ עַל עַצְמוֹ שֶׁאִלּוּ לֹא הָיָה דור כָּזֶה כַּאֲשֶׁר יוֹדֵעַ כָּל אֶחָד בְּעַצְמוֹ פְּחִיתוּת הדור הַזֶּה, וְלוּלֵא זֹאת הָיָה הוּא ז"ל חִדּוּשׁ גָּדוֹל בָּעוֹלָם, אַךְ בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים מֵחֲמַת שֶׁלֹּא הָיָה הדור כְּדַאי, נִתְעַלֵּם הָאוֹר מְאֹד וְלֹא נִתְגַּלָּה מִמֶּנּוּ אֲפִלּוּ כְּטִפָּה מִן הַיָּם.

ועי' חיי מוהר"ן אות רמ"ג; ... הָיָה סָתוּם וְנֶעְלָם מְאֹד בְּתַכְלִית הַהֶעְלֵם, וַעֲדַיִן אוֹרוֹ הַגָּדוֹל סָתוּם וְנֶעְלָם מְאֹד מִן הָעוֹלָם עַד שֶׁיָּבוֹא מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָז יֵדְעוּ גְּדֻלָּתוֹ וְתִפְאַרְתּוֹ.

[כ] ז"ל שם; ... וְהַשְּׁכִינָה בּוֹכָה וּמְיַלֶּלֶת, כִּבְיָכוֹל, עַל יִשְׂרָאֵל, בְּחִינַת (יִרְמְיָה ל"א): "רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ, מֵאֲנָה לְהִנָּחֵם עַל בָּנֶיהָ כִּי אֵינֶנּוּ" שֶׁהִיא בּוֹכָה עַל צָרַת יִשְׂרָאֵל, הַמְפֻזָּרִים בַּגּוֹיִים וְאֵינָם עַל מְקוֹמָם...

איינער שטייט נישט אויף זיין ארט ווי ער דארף שטיין! ער איז נישט אויף דעם ארט!

יעדער האט דאך עפעס א מקום, השי"ת הייסט 'מקום', יעדער איינער אויב ער איז אין א ארט, איז ער נכלל אין דעם 'ארט', האט ער אן ארט! אבער אמאל האט ער גאר קיין ארט נישט, און די שכינה קלאגט אויף דער זאך, 'מאנה להינחם כי איננו' - 'כי איננו על מקומם', זיי זענען נישט אויף זייער ארט!

ברענגט דער רבי צום סוף פון די תורה, וואס מיינט מען "רחל מבכה על בניה"? ווער איז דאס 'בניה'? ווער איז רחל'ס קינדער?! 'יוסף הצדיק'! רחל (- השכינה הקדושה) קלאגט טאקע דערויף, 'על בניה' - פארוואס איר קינד (- הצדיק האמת) איז נעלם!

ברענגט ער אין 'אנשי מוהר"ן' - ברענגט רבי אברהם ר' נחמן'ס[כא], רבי נתן האט געזאגט; "מען זאל נישט ווען קריגן אויפן רבי'ן, וואלט דער רבי די גאנצע וועלט מקרב געווען צום אויבערשטן"!!

אַדאָם קלאגט זי רחל - וואס דער צדיק איז נעלם! אז דער צדיק איז נעלם, איז יעדער איינער נישט 'על מקומו', אז דער 'צדיק' איז נעלם איז דאך זיינע 'עצות' נעלם.

'וזה בחינת העלמה' - האט רבי נתן אמאל געלערנט די תורה,[כב] האט רבי נחמן (טולטשינ'ער ז"ל) איבערגע'חזר'ט; "העלמה! העלמה! אַדאָם איז העלמה! דאס איז דאך א געוואלדיגע העלמה"!!!

דער צדיק איז דער פְּאֵר פון דער גאנצער וועלט, ער איז דער חן פון דער גאנצער וועלט, ער איז דער יופי פון דער גאנצע וועלט! אז דער חן זאל נתגלה ווערן וואלט געווען דער חן דקדושה אין דער גאנצער וועלט, דער יופי, ס'וואלט בטל געווארן אלע הבל היופי! און ער איז נעלם!

---

[כא] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן סוף אות ט"ז, ועי' גם חיי מוהר"ן אות קט"ו, ואות רכ"ט. ועי' גם בחכמה ותבונה פרק י"ב אות ד'; .. וענין הזה הי' גרמא בניזקין גם בהמחלוקת והמריבה שהיו על הצדיקים הגדולים האמיתיים כמו הבעש"ט זצוק"ל ואדמו"ר זצוק"ל שלא זכו כל העולם להכיר מעלת גדולתם ואם היו כל ישראל נתקרבים אליהם בודאי היתה גאולה שלימה...

[כב] עי' שיש"ק ב - תרט"ז.

פארוואס איז ער טאקע 'נעלם'?! ער האט דאך 'תלמידים' - דער צדיק - וואס שטייען אויף 'חצות', און זיי דאווענען בכוונה, פארוואס איז ער 'נעלם'?! נאר דער צדיק וויל אז זיי זאלן דאס מודיע זיין פאר אנדערע! און אז נישט - איז ער נעלם! איז עס 'העלמה'!

*

דער רבי האט זיך נישט באגענוגט דערמיט וואס ער האט געהאט תלמידים צדיקים, ער האט געהאט תלמידים גרויסע מענטשן, 'צדיקים', זיי האבן אוודאי געפאלגט דעם רבי'ן, ובראש איז געווען 'רבי נתן', ער האט אוודאי געפאלגט דעם רבי'ן, אבער ער האט געוואוסט - עס שטייט אין 'ימי מוהרנ"ת';[כג] רבי נתן האט געהאט א געדאנק נאכ'ן הסתלקות פונעם רבי'ן, ער זאל זיך קובע זיין אויף תורה ותפילה, אינגאנצן אפלאזן דעם רבי'נס זאך, א אינגערמאן א צדיק - וועט ער זיצן, דאווענען און לערנען! האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט אויף איהם - און אויף אונז אויך - דעם געדאנק האט ער מבטל געווען! אז נישט דאס איז דער כוונה פונעם רבי'ן - אז ער זאל זיין א צדיק, און ער זאל זיך קובע זיין אויף תורה ותפילה, דאס איז מיר גענוג, נאר ער האט געוואוסט אז דער רצון פונעם רבי'ן איז - ער זאל זיך נעמען טוהן אינעם רבי'נס זאך!

דערפאר טאקע זיצן מיר דא! ווען רבי נתן זאל געווען זיין דעם געדאנק אז ער אליין זאל זיין א צדיק, מיט תורה ותפילה, וואלטן מיר גארנישט געווען איצטער דא! ס'וואלט געווען א אנדערע ספר, דער קדושת לוי, הייליגע ספרים, צדיקים,

[כג] עיי"ש אות ע'; וְהִנֵּה אַחַר כָּךְ כָּל יְמֵי הַחֹרֶף הַזֶּה לֹא עָלָה עַל דַּעְתִּי לָצֵאת מִנֶּעמִירוֹב וְלִקְבֹּעַ דִּירָתִי פֹּה בְּרֶסְלַב, וְהָיָה נִדְמֶה שֶׁהִיא מֵהַנִּמְנָע לְקָרֵב עַתָּה אֲנָשִׁים לִדְרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים וְכוּ', רַק בְּעַצְמִי חָשַׁבְתִּי מַחֲשָׁבוֹת הַרְבֵּה אֵיךְ לְחַזֵּק עַצְמִי לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַתָּה גַּם עַתָּה עַל יְדֵי הַתּוֹרוֹת וְהַשִּׂיחוֹת וְהַמַּעֲשִׂיּוֹת וְהָרְמָזִים וְכוּ' שֶׁקִּבַּלְתִּי מִמֶּנּוּ ז"ל, כִּי יָדַעְתִּי וְהֶאֱמַנְתִּי שֶׁבְּהַדִּבּוּרִים הָרַבִּים מְאֹד שֶׁזָּכִיתִי לִשְׁמֹעַ מִמֶּנּוּ בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ, יֵשׁ בָּהֶם דַּי לְהַחֲיוֹת אוֹתִי תָּמִיד לְהוֹרוֹת לִי הַדֶּרֶךְ גַּם עַתָּה לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ עַד עוֹלָם, וְכָל מַה שֶּׁעָבַר בְּדַעְתִּי אָז אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר, אֲבָל זֶה לֹא עָלָה עַל דַּעְתִּי לְבַקֵּשׁ לִי מָקוֹם שֶׁאוּכַל לְדַבֵּר שָׁם מֵרַבֵּנוּ ז"ל לְהוֹדִיעַ לִבְנֵי הָאָדָם גְּבוּרוֹתָיו וְכוּ', זֶה לֹא עָלָה עַל מַחֲשַׁבְתִּי כְּלָל. וּבְנֶעמִירוֹב לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לְדַבֵּר מִמֶּנּוּ ז"ל כִּי-אִם לִפְנֵי מְעַט אַנְשֵׁי-שְׁלוֹמֵנוּ, אֲבָל הָרֹב הָיוּ מִתְנַגְּדִים וְחוֹלְקִים, אַךְ מַה גָּדְלוּ מַעֲשֵׂי ה', מְאֹד עָמְקוּ מַחְשְׁבוֹתָיו, וְכָל מַה שֶּׁנַּעֲשָׂה בָּעוֹלָם הַכֹּל בִּשְׁבִילֵנוּ, כִּי חַיָּב כָּל אָדָם לוֹמַר בִּשְׁבִילִי נִבְרָא הָעוֹלָם, בִּפְרָט בִּשְׁבִיל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְהַנִּלְוִים אֵלָיו. וְהִנֵּה הַתְחָלַת הִתְנוֹצְצוּת הַיְשׁוּעָה שֶׁיִּתְקַיֵּם הַשְׁאָרַת דַּעְתּוֹ הַקְּדוֹשָׁה לְעוֹלָם וְלֹא יִכְבֶּה נֵרוֹ לְעוֹלָם וָעֶד, הָיָה עַל יְדֵי שֶׁחִזֵּק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֶת דַּעְתִּי לַעֲסֹק בְּהַדְפָּסַת סֵפֶר הַתְּנִיָּנָא ... עיי"ש כל הענין באריכות.

האט אבער דער אויבערשטער אויף אונז רחמנות געהאט, רבי נתן האט מבטל געווען דעם געדאנק, ער האט פארשטאנען אז נישט דאס איז די כוונה פונעם רבי'ן!

*

דאס הייסט העלמה! דער רבי איז נעלם! פארוואס?! וויבאלד א 'חן' פון די גאנצע וועלט, א 'פְּאֵר' פון די 'כל העולם כולו', א "יופי", און ער איז 'נעלם'! פארוואס איז ער נעלם?! ווייל אפילו די ערליכע אידן צושפרייטן נישט זיין זאך!!

וואס הייסט **'כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא'**? אוודאי, א איד אן ארימאן דארף מען איהם בוודאי איהם העלפן, אבער אז איך זעה אין יענעם אז מען דארף יענעם ראטעווען מיט א ענין וואס יענער טוהט א פגם, יענער ליגט אין עפעס וואס קיינער ווייסט נישט, איז דאך אוודאי 'כאילו קיים עולם מלא'! און די זאך איז איצטער זייער נוציג, צו אלע דורות איז עס נוציג!

*

מען ווייסט, רבי נתן די לעצטע יאר איז ער געפארן - ארומגעפארן, ער איז שוין געווען זייער שוואך, ער האט געהאט א חולאת, חולה מעיים, האט ער נאך דעם לעצטן יאר - האט ער נאך געמאכט די נסיעה וואס ער איז געפארן ארום דארטן! די זעלבע נסיעה וואס דער רבי פלעגט פארן, איז רבי נתן אויך געפארן! האט ער מיטגענומען מיט זיך רבי נחמן טולטשינער - דעם לעצטן יאר, און ער האט איהם געזאגט; **"היינט פאָר איך ארום, איבער א יאר העסטו שוין אליין וויסן דעם וועג"!**[כד]

זעהען מיר דאך, אז רבי נתן אזוי קראנק ווי ער איז געווען, אזוי שוואך ווי ער איז געווען, האט ער נישט אפגעלאזט די זאך פון מפיץ זיין דעם רבי'נס זאך!

*

[כד] עי' שיש"ק ב' - תקס"ז; מוהרנ"ת הָיָה נוהֵג לִנְסוֹעַ וְלִשְׁבּוֹת בְּאוֹתָן הַמְּקוֹמוֹת שֶׁהָיָה רַבֵּנוּ נוֹסֵעַ בְּחַיָּיו, לְטְשֶׁערִין וְכוּ'. בְּדֶרֶךְ נְסִיעָתוֹ כְּשֶׁנָּסַע בִּשְׁנָתוֹ הָאַחֲרוֹנָה, אָמַר לְרַבִּי נַחְמָן מִטּוּלְטְשִׁין: "בָּזֶה אֲנִי מַרְאֶה לְךָ אֶת הַדֶּרֶךְ וּבַשָּׁנָה הַבָּאָה תּוּכַל לִנְסוֹעַ כְּבָר לְבַדְּךָ", "דָא וַוייְז אִיךְ דִּיר דִּי וֶועג אוּן דִּי אַנְדֶערֶע יָאר וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען פָּארְן אַלֵיין".

דאס טייטשטן אונזערע לייט, מען זאגט דארטן אין חצות, 'אל דמי לכם ואל תתנו דמי לו', אל תתנו דמי לו - מען זאל נישט שווייגן, מען זאל רעדן צום אויבערשטן. וואס איז אל דמי 'לכם'? ביי אייך אליין זאל נישט זיין קיין שווייגן! איר זאלט אליין נישט שווייגן! חוץ וואס איר רעדט צום אויבערשטן - דאס איז נאך ווינציג, ביי אייך אליין - איר זאלט רעדן איינער מיט'ן אנדערע, אל דמי 'לכם' - ביי אייך זאלט איר נישט שווייגן!

*

# "לגלות הסגולה לעם סגולה"!

און דער זמן האט צוגעבראכט דערצו, אז מען זעהט עס ארוים, אז כמעט אזוי ווי יעדער איינער איז מחויב יוצא צו זיין וואס אויף איהם איז מוטל - מקיים זיין דעם רבי'נס עצות, אזוי איז ער מחויב מפיץ צו זיין דעם רבי'נס זאך פאר אנדערע אויך!

אוודאי איז זייער גוט אז א איד איז א הייליגע מענטש, א צדיק, אשרי לו ואשרי חלקו, ער וועט דארטן האבן א גרויסע גן עדן, "אבער דעם רבי'ן איז ער נישט יוצא"! ער איז דאך א חסיד פונעם רבי'ן, דארף ער פאלגן זיין רבי'ן, ער גייט אין א חדר - דארף ער פאלגן זיין רבי'ן ביי וועמען ער לערנט! מיר האבן אזא מין רבי'ן, וואס דער רבי זאגט; "ס'איז נישט גענוג וואס דו אליין זאלסט זיין א צדיק, איך וויל דו זאלסט ארויסגעבן פאר אנדערע"!

*

עס שטייט דארט אין חיי מוהר"ן,[כה] א מלך האט פארבארגט געלט פאר א גאנצע וועלט, געבארגט, געבארגט, קיינער האט איהם נישט אפגעבראכט די געלט,

[כה] עי' חיי מוהר"ן אות תמ"ז; עוֹד שָׁמַעְתִּי מֵהָאִישׁ הַנַּ"ל (ר' יודל ז"ל) שֶׁשָּׁמַע בְּשֵׁם רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ שֶׁסִּפֵּר מָשָׁל לְעִנְיַן מַה שֶּׁצְּרִיכִין לְדַבֵּר עִם אֲנָשִׁים בְּיִרְאַת שָׁמַיִם וְזֶהוּ, פַּעַם אַחַת הָיָה גְּבִיר גָּדוֹל שֶׁהָיוּ לוֹ כַּמָּה אֲלָפִים וּרְבָבוֹת, עָשָׂה הֶעָשִׁיר הַנַּ"ל פְּקֻדָּה וְאָמַר, כָּל מִי שֶׁצָּרִיךְ לִלְווֹת מָעוֹת יָבוֹא אֶצְלוֹ וְהוּא יַלְוֶהוּ, מִסְתָּמָא הָיוּ עַל זֶה בַּעֲלָנִים [קוֹפְצִים] הַרְבֵּה, וּבָאוּ אֶצְלוֹ אֲנָשִׁים הַרְבֵּה וְלָווּ אֶצְלוֹ מָעוֹת, וְהַגְּבִיר הַנַּ"ל הָיָה אֶצְלוֹ פִּנְקָס עַל כָּל הַנַּ"ל, פַּעַם אַחַת לָקַח הַפִּנְקָס בְּיָדוֹ וְהִתְחִיל לְעַיֵּן בּוֹ, וְרָאָה שֶׁהוֹצִיא הַרְבֵּה מָעוֹת מְאֹד עַל עֵסֶק הַהַלְוָאוֹת, וְאֵין אִישׁ שָׂם עַל לֵב שֶׁיָּבוֹא לְהַחֲזִיר וְלִפְרֹעַ לוֹ מַה שֶּׁלָּוָה מִמֶּנּוּ, מִסְתָמָא חָרָה לוֹ עַל זֶה וְהָיָה לוֹ עַגְמַת נֶפֶשׁ.

בְּתוֹךְ הַלּוֹוִים הַנַּ"ל הָיָה אִישׁ אֶחָד שֶׁלָּוָה גַּם־כֵּן אֵצֶל הַגְּבִיר, וְאִבֵּד וְהִפְסִיד הַמָּעוֹת בְּאֵיזֶה מַשָּׂא־וּמַתָּן, עַד שֶׁלֹּא הָיָה לוֹ מִמָּה לִפְרֹעַ חוֹבוֹ, וְהָיוּ לוֹ יִסּוּרִים גְּדוֹלִים מִזֶּה, הַיְנוּ שֶׁהָאִישׁ הַנַּ"ל הָיָה לוֹ יִסּוּרִים גְּדוֹלִים מִזֶּה שֶׁאֵין לוֹ לִפְרֹעַ חוֹבוֹ, וְהִתְיַשֵּׁב הָאִישׁ הַנַּ"ל בְּדַעְתּוֹ, שֶׁעַל־כָּל־פָּנִים צָרִיךְ לְהִתְרָאוֹת פָּנִים עִם הַגְּבִיר וּלְסַפֵּר לוֹ כָּל לִבּוֹ,

'איינער' האט אפגעבראכט די געלט, זאגט ער איהם; וואס האב איך דערפון אז דו האסט מיר אפגעבראכט די געלט? וואס האב איך דערפון?! אז דו זאלסט אבער זעהן - ביי יעדעם איינעם רעדן - יעדער זאל מיר אפגעבן עפעס, וועל איך באקומען א הון רב!!

דאס איז איינגאנצן דעם רבי'נס זאך, וואס דער רבי האט געטוהן 'בחייו' און 'לאחר הסתלקותו', איז דא א בריוו דארטן:[כ] **"יעדער דיבור פונעם רבי'ן, גייט ארויף אויף בחייו, ולאחר הסתלקותו, ולאחר ביאת הגואל, ולאחר התחיה אויך"**! דאס איז א נצחיות'דיגע זאך, וואס תמיד וועט זיין דאס - -

איצטער איז דעם רבי'נס בקשה אויף דעם אופן; יעדער איינער דער אויבערשטער העלפט איהם, ער האט עפעס א גוטע זאך ביי זיך ברוחניות, פון 'צדקה', פון 'התבודדות', פון 'חצות', דארף ער נישט שווייגן, נאר איבערגעבן א צווייטן! אז נישט איז ער עובר אויפ'ן מאמר פון **'אל תמנע טוב מבעליו'**!

קען זיין אז אנדערע צדיקים זאגן נישט אזוי, אבער דער רבי זאגט אזוי! ביסטו זיין תלמיד ביי דעם רבי'ן, דארפסטו פאלגן! דיין רבי'ן דארפסטו פאלגן!

---

בַּאֲשֶׁר שֶׁהוּא אָנוּס בְּדָבָר וְכוּ'. וּבָא אֵצֶל הַגְּבִיר וְהִתְחִיל לְסַפֵּר לְפָנָיו לִבּוֹ, בַּאֲשֶׁר שֶׁאֵיךְ שֶׁקִּבֵּל אֶצְלוֹ מָעוֹת בְּהַלְוָאָה וְהִגִּיעַ זְמַן פֵּרָעוֹן וְאֵין לוֹ מִמָּה לְשַׁלֵּם כִּי הִפְסִיד הַמָּעוֹת, וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל לָשִׁית עֵצוֹת בְּנַפְשׁוֹ מַה לַּעֲשׂוֹת בָּזֶה. וְעָנָה הַגְּבִיר וְאָמַר לוֹ, מָה אִכְפַּת לִי הַמָּעוֹת הַמַּגִּיעַ אֶצְלְךָ, כִּי מַה נֶּחְשָׁב אֶצְלִי סַךְ קָטָן כָּזֶה שֶׁאַתָּה חַיָּב לִי כְּשֶׁתְּסַלֵּק, אוֹ לְהֶפֶךְ נֶגֶד סַךְ הַכּוֹלֵל מֵהַהַלְוָאוֹת אֲשֶׁר עוֹלֶה לַאֲלָפִים וְלִרְבָבוֹת, עַל־כֵּן רְצוֹנִי שֶׁתֵּלֵךְ אֵצֶל כָּל הַלּוֹוִים שֶׁלִּי וְתִתְבַּע אוֹתָם, וְתַזְכִּיר אוֹתָם שֶׁהֵם חַיָּבִים לִי כָּל כָּךְ מָעוֹת, וְלָמָּה אֵין מְסַלְּקִין לִי, וַאֲפִלּוּ אִם לֹא יִפְרְעוּ וִיסַלְּקוּ אֶת הַכֹּל רַק כָּל אֶחָד יִתֵּן וִיסַלֵּק מְעַט מֵחוֹבוֹ, גַּם־כֵּן יַעֲלֶה אֲלָפִים פְּעָמִים כְּמוֹ סַךְ כָּל הַחוֹב וְהַלְוָאָה שֶׁלְּךָ. וְהַנִּמְשָׁל מוּבָן מִמֵּילָא וְהָבֵן. (אָמַר הַמַּעְתִּיק שָׁמַעְתִּי אַחַר־כָּךְ שֶׁיֵּשׁ אוֹמְרִים שֶׁזֶּה הַמָּשָׁל הוּא מִדִּבְרֵי הָרַב יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה חֲתַן הַמַּגִּיד מִטִּירָהאוֹוִיצֶע).

[כ] עלים לתרופה מכתבי מוהרנ"ת יום ג' תרומה תקצ"ה, וז"ל; ... כָּךְ הוּא הַמִּדָּה, וְכָךְ יָפֶה לִזְכֹּר הֵיטֵב כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר בְּאֹפֶן שֶׁתּוּכְלוּ לַעֲמֹד בַּנִּסָּיוֹן וּלְהִתְחַזֵּק תָּמִיד וּלְהַחֲיוֹת נַפְשׁוֹתֵיכֶם בְּכָל עֵת בְּכָל מַה שֶּׁעוֹבֵר עַל הָאָדָם כָּל יְמֵי חַיָּיו, בִּפְרַט מִי שֶׁרוֹצֶה לְהִתְקָרֵב לְחִדּוּשׁ נִפְלָא וְנוֹרָא כָּזֶה וְכוּ' אֲשֶׁר הוּא חַיֵּינוּ לָנֶצַח. וּצְרִיכִין לִקְבֹּעַ תּוֹרָתוֹ וְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים בַּלֵּב כָּל כָּךְ עַד אֲשֶׁר אֲפִלּוּ אַחַר מֵאָה שָׁנִים כְּשֶׁיַּגִּיעַ הָעֵת לִכְנֹס בַּקֶּבֶר וְלִשְׁכַּב שָׁם, גַּם שָׁם יְחַיֶּה אֶת עַצְמוֹ בְּדִבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים, וְכֵן לְעֵת הַתְּחִיָּה וְלָנֶצַח, וּלְקַיֵּם "בְּהִתְהַלֶּכְךָ" בָּעוֹלָם הַזֶּה "תַּנְחֶה אוֹתָךְ, בְּשָׁכְבְּךָ בַּקֶּבֶר תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ, וַהֲקִיצוֹתָ" וְכוּ'...

ועי' שיחות הר"ן אות קפ"ה; ... וְאָמַר בְּפֵרוּשׁ בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, כָּל הַנְהָגָה וְהַנְהָגָה שֶׁאֲנִי מְצַוֶּה לַעֲשׂוֹת הוּא סְגֻלָּה, וְתִקּוּן, וּמוֹעִיל עַל מַה שֶּׁעָבַר, וְעַל הֶעָתִיד, וּלְאַחַר הַהִסְתַּלְּקוּת שֶׁל הָאָדָם, וְלִימוֹת הַמָּשִׁיחַ, וְלִתְחִיַּת הַמֵּתִים, וְלֶעָתִיד לָבוֹא.

יעדער איינער האט אין זיך א 'סגולה' - זאגט דער רבי אין תורה כ"א - ארויסגעבן דער 'סגולה לעם סגולתו'![כז] אידן הייסן א 'עם סגולה', יעדער איינער האט אין זיך א סגולה!

נישט זאגן אז 'איך האב נישט אין זיך קיין דיבורים'!!! ס'שטייט 'אז נדברו',[כח] ס'שטייט נישט 'אז ידברו', (נאר פשט איז;) ס'וועט זיך שוין אליין רעדן!

*

## 'נקודת החבר'

אז מען קומט זיך צונויף איינער מיטן צווייטן, דארף מען זיין זייער נזהר מען זאל נישט רעדן קיין 'דברים בטלים', דאס הייסט א 'מושב לצים' - זאגט דער משנה אין אבות,[כט] טאמער זיצן צוויי מענטשן און רעדן נישט קיין תורה, רופט מען עס אן א 'מושב לצים'!

ס'איז א הלכה דא - מען דארף זיך דערוויטערן 'פיר איילן' אויב ס'איז א מושב לצים!

אבער אז זיי רעדן יא (- דברי תורה) איז 'שכינה שרויה ביניהם'! וואס צוויי מענטשן קענען זוכה זיין אז מען רעדט עפעס! פארוואס קומען זיך צונויף די צוויי מענטשן? וואס איז די 'כוונה עליונה' געווען אז זיי זאלן זיך טרעפן - די צוויי מענטשן? נאר דערפאר מען זאל רעדן פון דעם תכלית!

ער וועט אפגעבן דין וחשבון לעתיד; דו ביסט זיך צונויפגעקומען מיט איהם, פארוואס האסטו גערעדט אנדערע דיבורים? פארוואס האסטו נישט גערעדט פונעם תכלית?!!!

---

[כז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"א; ... בְּוַדַּאי הַיָּשָׁר לְגַלּוֹת הַסְּגֻלָּה לְעַם סְגֻלָּה ... וְכָל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, מַה שֶּׁחֲנָנוֹ הַשֵּׁם שֶׁיַּכְנִיס הַמַּקִּיף לִפְנִים וּלְהָבִין וּלְחַדֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר, הַיָּשָׁר מְחַיֵּב שֶׁיְּגַלֶּה וְיַכְנִיס זֹאת הַהֲבָנָה שֶׁל הַסְּגֻלָּה, שֶׁהָיָה אֶצְלוֹ סְגֻלָּה, שֶׁיְּגַלֶּה לְעַם סְגֻלָּה וּלְהֵיטִיב מִטּוּבוֹ לַאֲחֵרִים ...

[כח] מלאכי ג' ט"ז, ועי' ליקוטי מוהר"ן תו' קמ"ב.

[כט] אבות פרק ג' משנה ב'.

היינט איז דא, מען הייבט אן רעדן דא די צייטונגען מיט מעשיות, געשעפטן, ס'איז דא מיט וואס צו פארקלאפן דעם קאפ, אבי - דער בעל דבר וויל נישט ליידן, אז מען קומט זיך שוין צונויף, האט ער שוין אנדערע דיבורים.

דארף מען זיך 'מתחכם' זיין! איך האב דאך א שייכות צום ברסלב'ער רבי'ן!! דער ברסלב'ער רבי האט געזאגט אז - פון די דריי נקודות איז דא א נקודה פונעם חבר![ל] און די נקודה פונעם חבר איז מקשר די נקודה צום אויבערשטער - און די נקודה פון מיין אייגענע נקודה!

דער רבי זאגט אין דער תורה ל"ד, אז אין יעדעם איינעם איז דא א נקודה וואס איז א 'בחינת צדיק', און דארטן איז 'שורה אהבה הקדושה', אין מיר איז דא א זאך וואס דאס הייסט 'צדיק', איך ווייס נישט וואו זי איז, אבער אזוי איז דא, ס'איז דא אין מיר - און אין יעדעם - א 'נקודה' וואס הייסט 'צדיק', און דארטן איז 'שורה אהבה הקדושה', נאר דער נקודה שלאפט ביי דיר, דארף מען האבן א התחברות מיט נאך איינער!

און דער כוונה איז, נאר רעדן אין 'יראת שמים', מער נישט! אזוי וועט יענער מקבל זיין פון מיר מיין נקודה, און איך וועל נעמען פון איהם זיין נקודה! איינער זאל רעדן מיט'ן צווייטן, נישט נאר רעדן מיט'ן צווייטן ווייל ער וויל יענעם 'געבן', (נאר אויך -) פאר מיר אליין, מיין אייגענע נקודה שלאפט ביי מיר!

דער רבי האט זייער משבח געווען רבי שמעון'ען[לא], 'עיר' איז פשט - "ער איז א וואַכ'עדיגער"! 'עיר'! ער לעבט, ער איז א וואַכ'עדיגער, נישט קיין פארשלאפענער, 'וקדיש' - זאגט דער רבי דארטן אין ספר המידות; "מי שמקודש ביותר מרוחק

[ל] עי' בליקוטי מוהר"ן תו' ל"ד, וז"ל שם (באות ח'); ... וְכָל הַנְּקֻדּוֹת הַלָּלוּ, הַיְנוּ הַנְּקֻדָּה הַנִּקְרָא "פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת", וְגַם הַנְּקֻדָּה שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ, הֵם עֲנָפִים לְהַצַּדִּיק, שֶׁהוּא נְקֻדָּה כְּלָלִיּוּת שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל. שֶׁהַכֹּל צְרִיכִין לְקַבֵּל מִתְּחִלָּה מֵהַצַּדִּיק, וְאַחַר כָּךְ יְקַבְּלוּ דִּין מִן דִּין, וְכָל אֶחָד יְקַבֵּל מִנֵּהּ וּבֵהּ. וְעַל יְדֵי שְׁלֹשָׁה בְּחִינוֹת אֵלּוּ, נִתְבַּטֵּל הַחֲרָפוֹת, הַיְנוּ עָרְלַת לֵב, הַיְנוּ אַהֲבוֹת רָעוֹת. וְזֶהוּ: "עַל כָּל פְּשָׁעִים תְּכַסֶּה אַהֲבָה", כִּי שָׁם שׁוֹרָה אַהֲבָה הַקְּדוֹשָׁה...

[לא] עי' שיש"ק ב' כ"ג: אָמַר פַּעַם רַבֵּנוּ; "עִנְיַן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הוּא עֵירָנוּת". "רַבִּי שִׁמְעוֹן עֶר אִיז אַ וַואכֶדִיגֶער". וְעַל שֵׁם הַכָּתוּב: "עִ'יר" וְקַדִּישׁ מִ'ן שְׁ'מַיָּא נָ'חִית, רָאשֵׁי תֵּבוֹת שִׁ'מְ'עוֹ'ן. (וְעַיֵּן בְּמַרְאֵה מְקוֹמוֹת של הרה"ק מִטְּשֶׁערִין זיע"א בְּסֵפֶר הַמִּדּוֹת (אות שֵׁינָה א'): מִי שֶׁהוּא מְקֻדָּשׁ בְּיוֹתֵר מְרֻחָק מֵהַשֵּׁנָה בְּיוֹתֵר, שֶׁהִסְמִיךְ לָזֶה הָרַב אֶת הַפָּסוּק עִיר-וְקַדִּישׁ הַנִּזְכָּר לְעֵיל).

מהשינה ביותר"! ווייזט זיך אויס טאקע פון 'עיר וקדיש' - וואס ער איז מער 'מקודש', איז ער מער וואַכ'עדיג!

יעדער איינער מעג זיך האלטן גרויס מיט דער זאך - 'אין מיר איז דא א נקודה וואס דאס הייסט צדיק'! וואס דארטן איז דא אהבה דקדושה! און דארטן איז וואַכ'עדיג, דארטן איז נישט פארשלאפן - דארט! נאר וואס דען? איך מאך זי פארשלאפן! פארוואס? ווייל איך פאלג נישט דעם רבי'ן, האבן א שייכות מיט נאך איינעם! איך באגענוג זיך מיט מיינס!

ס'ווייזט אויס פון רבי'נס זאך, אזוי ווי 'התבודדות' איז א חיוב אלע טאג, איז א 'חבר' אויך א חיוב אלע טאג! מען דארף האבן א חבר אלע טאג! רעדן מיט איהם אלע טאג פונעם תכלית!

*

דאס רעדן מיר בכלל 'א חבר', אבער 'בכלל' איז דא ביי אונז אזעלכע מענטשן, טאקע וואס מען דארף טאקע רעדן מיט זיי - וואס זיי זענען זייער ווייט, זיי ווייסן נאך פון רבי'נס זאך גארנישט, איז מען מחויב - מען וועט נישט יוצא זיין דעם חוב מיט זיין אייגן צדקות, מיר זענען מחויב מרבה צו זיין פאר אנדערע אויך!

דאס האט געלאזט דער חכם צוואה פאר זיין הסתלקות - דאס איז אויך א רמז - אז נישט נאר די צוואה איז 'בחייו', נאר א 'צוואה' פאר די קינדער זיינס! "איר זאלט זעהן אנטרענקען ביימער, דאס זאלט איר תמיד טוהן"!

און 'די הייליגע צוואה' דארפן מיר האלטן - פונעם רבי'ן!

* * *

מיר וועלן רעדן נאך עפעס א ווארט, ס'איז דא ברוך השם - איצטער ברוך השם איז נתחדש געווארן די הדפסה, מען דרוקט זייער אסאך, ס'איז דא ברוך השם ספרים אסאך, אבער די וואס האבן אפגעדרוקט ספרים דא, וואס זיי מיינען עס טאקע לשם שמים, אבער - זייער אסאך ספרים, ממש הונדערטער טויזענטער ספרים, און מען קויפט נישט פון זיי די ספרים! און זיי ווייסן נישט וואס זיי זאלן טוהן, זיי זענען ממש דערשטיקט, וואס זאלן זיי טוהן, זיי האבן אפגעדרוקט - אזויפיל ספרים איז דא, און קיינער קויפט נישט! די וועלט איז ווייט דערפון, די

וועלט לאכט זיך אויס פון די ספרים, און מיר קויפן אויך נישט, מיר האבן די ספרים.

איז א חיוב אויף אונז, נישט קוקן וואס איך האב די ספרים, ראטעוועו, נעמען ביי איהם נאך א ליקוטי מוהר"ן, נאך א ליקוטי תפילות, נאך א סיפורי מעשיות, כאטש איך האב עס אין שטוב - מען זאל דעם אינגערמאן ראטעוועו, ער זאל ווערן אויפגעבונדן פון זיינע חובות - וואס ס'איז געוואלדיג אריבער זיינע כוחות, דאס איז אויך פון כלל וואס מען דארף מחיה זיין יענעם!

*

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, מיר זאלן מקיים זיין וואס מיר האבן גערעדט, און אלע זאלן האבן א כתיבה וחתימה טובה, במהרה בימינו אמן.


**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

**הבעת תודה לאגודת משך הנחל**
**על עזרתם הרב בהוצאת שיחות אלו לאורה**
ותהיה זאת לעילוי נשמתו של מייסד ומנהל האגודה במסי"נ
הרה"ח **ר' אברהם נחמן שמחה ב"ר אלעזר** וייצהענדלער ע"ה
כ"ד אדר ב' תשע"ד, תנצב"ה

מוה"ר **אברהם יעקב הערשקאוויטש** הי"ו
קרית טאהש יצ"ו
ומחותנו מוה"ר **מנחם קויפמאן** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסי בניהם למזל טוב**

לע"נ הרה"ח ר' **צבי יוסף** ב"ר **מאיר יצחק** ז"ל **וואסילסקי**
כ"ח תמוז תשמ"א
**נדבת בניו וחתניו שיחיו**

מוה"ר **אברהם בן רבקה הענא געטץ** הי"ו
ולרפואה שלימה בתושח"י בקרוב
בארא פארק יצ"ו
**לרגל הולדת בתו למזל טוב**
נדבת מכון משיב לשואל
**718-362-8870 (ארץ ישראל 079-7040073)**

מוה"ר **שלמה אליעזר טענענבוים** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**